# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

גיליון עד - וארא תשפ"א

## פרשת וארא

בסייעתא דשמיא, מיר שטיין אין פרשת וארא. אין אנהייב פון פרשת וארא לייענען מיר "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב בקל שקי ושמי ה' לא נודעתי להם וגם הקמתי את בריתי אתם לתת להם את ארץ כנען את ארץ מגריהם אשר גרו בה".

רש"י הק' זאגט וארא. אל האבות: מיר וועלן בס"ד ארומרעדן א נושא וואס רופט זיך אבות על בנים, שורש אין ענפים און די שייכות פון זיי ביידע סיי אין עולם התשובה סיי אין עולם הגאולה,

אין צולייגען צום ענין פון א חתונה א אידישע שמחה וואס ווערט געפארוועט כדרך ישראל עם קדושים.

### בגלל אבות תושיע בנים

ס'איז דא דא א גרויסער יסוד, וואס רופט זיך: אבות מיט בנים. זכות פון אבות, "בגלל אבות תושיע בנים", דער באווסטער ניגון וואס מיר זינגען בשעת א ברית. דער כוח פון די אבות איז די גאולה פון די קינדער. דאס הייסט, אז ווען דער קינד האט א גאולה - איז דאס די זכות פון אבות.

דער אויבערשטער האט שוין פארמאכט מיט אברהם אבינו ע"ה, ביי ברית בין הבתרים, דעם גאנצע ענין, דעם גאנצע פלאן - אין די זכות פון די אבות האט מען געהאט יציאת מצרים.

### ענף ושורש

די ערשטע זאך, צו פארשטיין: אז א קינד מיט א טאטן איז איינס. וויל דער כוח, אז די מענטש לעבט - קומט ער דאך פון א טאטן, ער איז נישט געקומען אליין אויף די וועלט. זיין כוח קומט פון דעם טאטן, און דעם טאטן איז געלעגען דעם קינד'ס כוח - דאס האט א מוירעדיגער קשר, מ'וועט דאס רופן "ענפים מיט א שורש". חסידי'שע ספרים קאכן זייער אין די גרויסע נושא, וועגן דעם שורש מיט די ענפים. און ווי אזוי ס'גייט דעם קשר צווישן זיי ביידע.

### מעשה אבות סימן לבנים

ס'איז ידוע, דעם רמב"ן קאכט שטארק אין די פרשיות פון בראשית, אברהם אבינו וכו' וכו'. "מעשה אבות סימן לבנים" - וואס קומט פאר ביי די אבות, איז דער טייטש ביי די שורש קומט פאר די און די זאכן - זאלסט וויסן אז ביי די קינדער גייט דאס פארקומען. און עד כדי כך, אז מ'וועט אריינגיין למשל, אין די נקודה פון תשובה, [נישט די נקודה פון גאולה]. איז דער טייטש אז די קינדער וועלן פארעכטן, למשל, אז אברהם אבינו איז אראפ אין מצרים - ווי די טענה וואס דער רמב"ן קאכט דאס אויס, אז ער וואלט געדארפט האבן א העכערע דרגה אין אמונה און בטחון. פארדעם וועלן די קינדער דארפן אראפגיין אין מצרים, און פארעכטן די זאך!

### זכות אבות טוט באגלייטן

ממילא, וועט מען אריינגיין און צוטיילן דער חלק הגאולה, עס איז ידוע אז דער חלק הגאולה פון די קינדער - דאס איז דורך דער 'זכות אבות'. טוט זיך א גרויסע סוגיא אין גמרא, צו 'תמו זכות אבות' לעתיד לבוא צו נישט,- אבער דער יסוד איז, אז א מענטש ווען ער זעהט א ישועה, דארף ער וויסן, אז דאס איז נישט בזכות עצמו, נאר בזכות אבות. די אבות באגלייטן עהם, די אבות העלפן עהם פון עולם העליון, ער זאל קענען דארכגיין וואס ער דארף דארכגיין.

### לתקן עולם

די זעלבע זאך, איז דא א נקודה וואס רופט זיך 'עולם התשובה' - מ'איז מתקן. למשל, ס'איז ידוע אז אונז ארבייטן היינט "לתקן עולם במלכות שקי" - ס'איז דא א פגם 'במלכות שקי', און אונז דארפן דאס מתקן זיין. ס'האט זיך אנגעהויבן ביי חטא אדם הראשון, און דארך דעם איז געווארן נאך חטאים, איז וויל אונז קומען פון דעם אדם הראשון - פארעכטן אונז דאס. די זעלבע זאך זענען די חטאים פון 'דור המדבר' געבליבן פאר די קומעדיגע דורות צו מתקן זיין, און אלע דורות זענען אונז כסדר מתקן אויף צוריק.

עד כדי כך, אונז טרעפן פסוקים "פוקד עוון אבות על בנים" וכו' וכו'. ס'איז ווערט אונזער עבודה צו פארעכטן די ענפים מיט די שורש צוזאמען. און מ'קען זעהן ביז ווי ווייט דאס ארבייט: אז די ערשטע זאך, ווען אונז זאגן ווידוי "להתוודות על חטאתם ועל עוון אבותם". זאגן אונז ווידוי "אבל אנחנו ואבותינו חטאנו" - וויל אונז פארעכטן באמת די פריעדיגע חטאים פון דורות הקודמים.

### את לבבך ואת לבב זרעך

און אויכעט טרעפן מיר פאקערט: וואס הייסט א טאטע לגבי קינדער. און אלא חסידי'שע ספרים קאכט די נקודה: אז ווען דו

פארעכסט די שורש, פארעכט קודם די ענפים וואס זענען צוגעטשעפעט צו דעם. ממילא, ווען א איד טוט תשובה איז "ומל ה' אלוקיך את לבבך ואת לבב זרעך". די מינוט וואס "את לבבך" - דו האסט תשובה געטועהן, דו האסט זיך דערהויבן צום אויבערשט'ן איז ממילא וועט מיט קומען די "לבב זרעך" - דארט וועט אויכעט ווערן בעסער.

א איד ווען ער טוט תשובה, ער קאכט אויס א שובבי"ם, ער האט זיך דערהויבן - ער זאל וויסן, אז ס'איז ידוע פון אסאך חסידי'שע ספרים, אז עד כדי כך: אפילו טאמער א איד איז נישט געווען אזוי דערהויבן. ער האט געברענגט דורות, נישט מיט אזא דערהויבנקייט, און ער האט נישט ממשיך געווען אזעלכע הויכע נשמות וכו' וכו'. און אפילו ווען ס'איז נאך ווינציגער ווי וואס מ'איז דאס מגדיר... - איז ער בכח און ער קען באווייזן ווען ער טוט תשובה און ער דערהויבט זיך - אז נישט נאר ער זאל ווערען דערהויבן, נאר אז דער שורש ווערט דערהויבן - וועלן די ענפים, מיט די עלים, **דער גאנצער המשך ווערט אויכעט אויפגעהויבן מיט עהם.** דאס איז א גרויסע סוגיא אין די חסידי'שע ספרים, אין שובבי"ם, א מוירדיגער יסוד.

## ברא מזכה אבא

און מ'טרעפט דאס אין א באוואוסטע חז"ל אין א מדרש פון "ברא מזכה אבא". די מעשה פון ר' עקיבא, וואס ער טרעפט אן א שווארצע מענטש. און ער געבט עהם א פרעג: 'וואס האט פאסירט? וואס קוקסטע אזוי אויס?'. זאגט ער: 'וואס הייסט, איך זיץ אין גהינום, און איך קריך נישט ארויס, קוק ווי איך מיטשע זיך!'. דער הייליגער ר' עקיבא האט רחמנות געהאט אויף די נשמה. און ער האט עהם געזאגט 'וואס קען איך דיר העלפן?' האט עהם דערציילט אז ער האט איבערגעלאזט א זוהן, וואס קען נישט גארנישט אויף די וועלט. האט ר' עקיבא זיך גענומען פארען צו מתקן זיין די נשמה, ווי אזוי האט ער דאס געטועהן: ער האט אויסגעלערנט פאר די קינד א' ב', און נאך א ביסל תורה, און נאך א ביסל תורה ער האט עהם צוביסלאך ארויפגערוקט. ביז ווען ער האט זיך געזעצען לערנען תורה. איז דער איד ארויס פון גהינום. דאס איז א יסוד.

און במאמר המוסגר, טאמר ווען א איד גייט שוין אוועק פון די וועלט קען "ברא מזכה אבא", קען א קינד זיצן און לערנען א משנה. און מיט דעם מעלה זיין די נשמה פון זיין טאטן, איז ווען דער טאטע לעבט און ער טוט א מצווה, איז וואס? איז דאס נישט א זכות פארן טאט'ן? ס'איז אויכעט א זכות פארן טאט'ן. מ'מוז נישט אוועק גיין פון די וועלט, כדי צו זיין "ברא מזכה אבא". אזוי ווי דו פארשטייסט אז ווען דו טוסט תשובה, איז דער שורש, די קינדער וועלן ווערן בעסער. אז דו טוסט תשובה, און די טאטע לעבט ביסטו אויכעט "ברא מזכה אבא".

## די סוד ביי א שמחת חתונה אין מנהג המצווה טאנץ

יעצט וועט מען אריינגיין אין די דריטער חלק, דער ענין פון די חתונה. די זעלבע בחינה געפונען מיר ביי א שמחת חתונה, אונז וויסן דער באוויסטער זוה"ק: אז כביכול הקב"ה שיקט אראפ די אלע נשמות פון די זיידע'ס, קומען אראפ צו די שמחה זיך מיט פרייען. וואס פרייען זיי זיך? אז איך האב נאך א אייניקל?! דאס איז נישט קיין שמחה. די שמחה איז, איך בין מגלה נאך מער אויבערשטער אויף די וועלט, אז דא ווערט א חתונה וועט זיין נאך א "אמן יהא שמיא רבא", ס'וועט ווערן "יתגדל ויתקדש", נאך א איד וועט אויסרופן באשעפער. ס'וועט זיך בויען נאך א 'אידישע שטוב'. נאך א 'השראת השכינה', נאך א "יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה". נאך א 'בית ה'', נאך א 'ביהמ"ק' בויעט זיך דא. וועט די אויבערשטער'ס נאמען גרויס ווערן - אה, דאס איז די גרעסטע שמחה פאר די נשמה אין גן עדן, אז דארף עהם - ווען ער איז געווען אין א מצב פון בחירה, ווען ער האט געלעבט - האט ער מגלה געווען דעם אויבערשטער אויף די וועלט, און דער גילוי האט א גרויסער המשך.

## זיי געבן איבער די כוחות פאר'ן פאר פאלק

און ס'שטייט אז דעמאלץ געבן זיי איבער די כוחות פאר דעם פאר פאלק! פון ווי זאל האבן א יונגער פאר פאלק אזעלכע כוחות, צו גיין אויפשטעלן דורות?! דאס איז נאר די כוח פון די אבות. און דאס איז דער כוונה פון 'מצווה טאנץ'. און ס'איז ידוע, אז דאס האבן די צדיקים געפראוועט א גרויסע לעצטע שבע ברכות, ווייל מ'האט באגלייט די צדיקים זאלן צוריק ארויף און גן עדן. די צדיקים זענען געגאנגען א גאנצע וואך בגדי שבת, ווייל די זיידעס זענען אראפגעקומען צו די שמחה וואס ס'איז א וואך צייט. דאס איז א לאנגע סוגיה.

## די נקודה איז די זכיה צו זעהן דעם גילוי כבוד ה'

אבער, לאמיר אריינגיין אין די נקודה פון 'אבות ובנים'. ממילא א טאטע אדער א זיידע, אפילו א נפטר, "ברא מזכה אבא", אז ער איז זוכה צו פירן א קינד אינטער די חופה איז ווייטער "ברא מזכה אבא", נישט ווייל איך האב א קינד וואס האט חתונה געהאט. נאר ס'גייט יעצט ווערן נאך א גילוי אלוקית - און איך האב די זכיה, נישט נאר די זכיה צו עהם אונטערפירן אונטער די חופה... און צאלן... און טאנצן ביי די חתונה... - נישט דאס איז די נקודה, די נקודה איז אסאך טיפער! און אסאך העכער! איך האב די זכיה צו זעהן דעם גילוי כבוד ה' וואס קומט ארויס דורך מיינע קינדער, אזוי ווי א קינד, ווען ער טוט א מצווה, "ברא מזכה אבא" אין גן עדן, "ברא מזכה אבא" איז אויך דא אויף די וועלט. "ברא מזכה אבא" א 'מצווה' א 'תשובה' טוהן.

ריכטוג אז "ומל ה' אלוקיך את לבבך ואת לבב זרעך" איז אז דו פארערסט זיך מיט'ן 'שורש' פארערסטו זיך מיט'ן 'ענף', אבער דו מוזט פארשטיין אז ווען דו שלעפסט א ענף פון א בוים, דו פארערסט זיך מיטן ענף, און דער ענף איז צוגעטשעפעט מיטן בוים, איז פארערסט זיך אויך צוריק מיטן 'שורש'.

## התדבקות רוחו ברוחו

היוצא מדברינו, וואס קומט ארויס למעשה. א איד דארף וויסן, ער דארף אמאל א ישועה - ער קען אמאל לערנען א משנה אויף א טאטען, אויף א זיידען, און ער טשעפעט זיך צו און איז מעורר רחמים און גן עדן, אזוי וואו עס שטייט פון הייליגער מאור עינים, אז ווען א איד לערנט די תורה פון א צדיק, אין א ספר. קען ער האבן כוונת ההשתטחות, אין א בחינה פון "התדבקות רוחו ברוחו". ער איז מעורר דעם צדיק, דעם זכות פון דעם צדיק, ער איז זיך מתקשר צו דעם צדיק. א איד קען מעורר רחמים זיין פון אבות, און באקומען א גאולה!

א איד דארף וויסן די צווייטע זאך, דעם ענין פון תשובה. אונז שטיין אין שובבי"ם, מ'וויל אויסקאכן אזא שובבי"ם, נישט פארגעסן

"בגלל אבות תושיע בנים" - אונז טועהן תשובה זענען אונז מתקן די דורות **הקודמים**, און מתקן די דורות **הבאים**.

### *די כוח פון די שמחה*

די דריטע זאך, דער אויבערשטער העלפט, און מ'פארעט זיך מיט א שמחה - געדענקען און לעבן, אז די כוח פון די שמחה - איז דער כוח פון עלטערן. דאס איז א זכות פאר די עלטערן וואס לעבן, און אויך א זכות פאר די עלטערן וואס זענען שוין אין גן עדן.

ס'איז דא דער חלק פון "ברא מזכה אבא", און ס'איז דא דער חלק פון "ומל ה' אלוקיך את לבבך ואת לבב זרעך", אז מ'געבט איבער די כוחות, און דאס איז די כוונה פון א חופה וואס מ'מאכט די הקפות. און די גאנצע סוד פון די כוונת א חופה, אין דער מצווה טאנץ, איז צו איבער געבן כוחות. וועגן דעם איז ידוע ביי צדיקים אז די נקודה פון די מצווה טאנץ מיט די גאנצע גראמען, איז נישט געווען צו דערציילן מעשיות, און דעם ענין פון משמח זיין חתן וכלה, פון משבח זיין - נישט דארטן איז געווען די כוחות וואס מ'האט אריינגעלייגט

### *מצווה טאנץ*

די כוחות וואס מ'האט אריינגעלייגט אין מצווה טאנץ איז צו מעורר זיין זכות אבות. און מ'וועט נאכקוקן ביי צדיקים האט מען זייער אסאך גערעדט פון די 'זכות אבות', און אזוי האט מען זיך געפירט ביי אלע אידישע שטובער. די פלעצער וואס מ'האט געגראמט האט מען אויסגעקאכט די נקודה פון זכות אבות, ווייל דאס געבט די כוחות פאר א פאר פאלק צו בויען ווייטער. און דאס געבט זיי צוריק זייער נחת, וואס זיי קומען זיך פרייען - זיי זעהן אז זיי האבן מגלה געווען דעם אויבערשט'ן אויף די וועלט פון די בחירה. דא אויף די וועלט, דער גשמיות'דיגע וועלט, די חומריות'דיגע וועלט. ליידער די הפקרות'דיגע וועלט, (מ'רופט דאס די פאגרעבטע וועלט).

אין די וועלט שטייען אידן וואס רופן אויס "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד". און בויען אידישע שטובער אזוי ווי די תורה לערנט אונז אויס, קדושה, טהרה, שמחה וטוב לבב.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז די שמחה, דער "יושפע שפע רב" פאר יעדן איד, בכל מקומות שהם, בני, חיי ומזוניי וכט"ס, און גשמיות און אין רוחניות.

# גלות אין דיין מח

### *מקוצר רוח*

בסייעתא דשמיא מיר שטייען יעצט אין פרשת וארא, אין די פרשה [קפיטל ו' פסוק ט'], איז דא א מורא'דיגע פסוק, 'ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה', משה רבינו שטייט און זאגט זיי די אלע גוטע זאכן פון באשעפער, און זיי האבן אפילו א מסורה אז ס'וועט קומען א טאג וואס מ'וועט ארויסגיין פון מצרים, מ'וועט זיי פוקד זיין, אבער זיי קענען זיך נישט צוהערן, פארוואס? מקוצר רוח ומעבודה קשה,

למעשה, איז דאס געווען די תוצאה וואס איז ארויסגעקומען פון דעם תכבד העבודה, און די תכבד העבודה ברענגט צו אז מ'זאל נישט טראכטן, און אז מ'טראכט נישט קען מען נישט הערן.

### *אמאל און היינט*

לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין, וואו איז דאס היינט אונז שטארק נוגע למעשה, אויף צוויי אופנים שטעלט זיך עס אונז אויס, דאס איז טייטש, ס'דא אמאל אונז האבן אסאך גוט'ס, מ'איז אונז משפיע גוט'ס, און מ'זעהט עס ניטאמאל, מ'זעהט נישט די גוט'ס, קוצר רוח איז די טייטש, א מענטש איז פאריאגט, און ער קען נישט טראכטן א מינוט.

צום ביישפיל: א מענטש ער האט אסאך ביזנעס, ער האט אסאך ארבעט, פון אזויפיל ארבעט ווייסט ער נישט וואס ער האט שוין יא, און וואס ער האט נישט, מ'וועט זיך אביסל מתבונן זיין, אמאליגע צייטן ווען א איד וואס האט געהאט א געשעפט, האט פארמאכט זיין געשעפט פארנאכט, און ער איז אהיים, איז אין שטוב נישט דא מער קיין געשעפטן, ס'איז גארנישט דא אין שטוב האט ער געהאט מנוחת הנפש.

אזוי אויך ווען דער איד איז געגאנגען אין שוהל דאוונען, איז ער געווען אין שוהל, ס'איז נישט געווען קיין טלפון, אפילו נאכדעם וואס ס'איז באשאפן געווארן די טלפון, אבער די ביזנעס איז נישט מיטגעקומען,

### *גלות הדעת*

ביז עס איז געווארן א 'מובייל' - א 'האנט טלפון', לאנגזאם האט עס אנגעהויבן אריינגיין, היינט טראגט די מענטש די גאנצע ביזנעס אין קעשענע, על קרבו ועל כרעיו, ראשו ורובו, **די גאנצע ביזנעס ליגט ביי איהם אין קעשענע**.

די מינוט וואס די מענטש האט נישט א מינוט צו טראכטן און צו זיך אפשטעלן, ער קען אפילו נישט איינזעהן אין די גוט'ס וואס די אייבישטער גיבט איהם, ער קען גארנישט, דאס איז אזא סארט 'גלות' וואס די מענטש איז משרה אויף זיך אליינס, ס'איז א "גלות הדעת", מיט "גלות הנפש".

### *חייב אדם לראות את עצמו*

און מ'טרעפט א לשון אין 'תניא', ס'איז א לשון פון חז"ל 'בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו', שרייבט די תניא, 'בכל דור ודור ובכל יום ויום חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים, א איד וואס ער שטעלט זיך נישט אפ דורכן טאג, און כאטש אויף א קורצע צייט טשעפעט זיך נישט אפ פון דעם טלפון, און פון די אלע זאכן פאר א פערטל שעה, יענעם טאג הערט ער נישט, **'ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה'**, יענעם טאג ער איז אין א גלות מצרים,

טאמער ער וויל זעהן כאילו הוא עצמו יצא ממצרים, די ערשטע זאך איז נישט אריינגיין מיטביידע פוס אין מצרים צוריק, נישט אריינגיין אין דעם גלות הנפש און דעם גלות הגוף, אין דעם שיעבוד פון נאכאנאנד פון דעם עולם הזה אויף אזא שטארקן אופן, ס'איז א בחינה, א טאג וואס ער וועט זיך נישט אפשטעלן - יענע טאג האט ער נישט געלעבט, ער האט געלעבט ער האט געמאכט ביזנעס ער האט פארדינט אסאך געלט, אבער ער איז נישט געווען ער, די ביזנעס האט געלעבט, זיין געלט האט געלעבט, זיינע עסקים האבן געלעבט, אבער אוואו איז ער געווען? ער איז נישט דא, ער איז נישט קיים.

### *מקוצר רוח אין עבודת השם*

נאכמער, און יעצט וועט מען גיין צום צווייטן זאך, ס'איז דא אזא מושג וואס די מענטש אפילו אין עבודת השם זאל זיין א בחינה פון 'ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה, ס'שטייט אין חסידישע ספרים, אז אמאל א מענטש וואס ער איז שוין יא זוכה, ער לערנט א גאנצע טאג אין א כולל מיט אלע סארט מסגרות, ער דינט דעם אייבערשטן א גאנצע טאג, אבער ער געדענקט נישט פון באשעפער אליין, קען זיין פילע סדרים, ער מאכט בחינות, ער פארהערט זיך, אבער ער געדענקט נישט פון באשעפער.

### *מעשה שהיה*

ס'איז געווען אמאל צוויי קאצק'ע חסידים, וואס זיי האבן געלערנט ביים קאצק'ער רבי'ן, זיי האבן אפגעלאזט קאצק, איינער איז אוועק געפארן אין א שטאט ער איז געווארן רב, דער צווייטער איז געווארן א סוחר, ויהי לימים, אין יארן ארום האבן זיי זיך ביידע צוויי אלטע חברים געטראפן, גיבט די סוחר א פרעג פארן רב, ווען געדענקסטו פון אייבערשטן? זאגט ער, איך וועל דיר זאגן דעם אמת, 'איך האב נישט קיין צייט', אינדערפרי פארן דאווענען זאג איך עפעס א שיעור פאר בעלי בתים, נאכדעם האב איך א שיעור פאר בחורים, און נאכדעם דאס דאווענען, נאכדעם איז דא שאלות, איך בין אזוי פארנומען, אז איך האב נישט קיין מינוט צייט צו טראכטן פונעם אייבערשטן דורכן טאג, און בתור חברים האבן זיי זיך אדורכגערעדט, און עס איז אויסגעקומען אז דער חבר נאך די אלע זאכן, האלט ער זיך אין איין ווענדן צום אייבערשטן, בתור קאצק'ע חסידים האבן זיי זיך דורכגערעדט און געוואלט זעהן, צו דער וועג וואס מ'לעבט איז טאקע מיט א נקודת אמת... אבער דו דארפסט זיך אפשטעלן און געדענקן אריינשיינען אינעם אייבערשטן דיינע אלע עבודות.

### *'שלא ברכו בתורה'*

אין איין ווארט, די ב"ח איז מסביר דאכט זיך מיר סימן מ"ז, זאגט די ב"ח מ'קען לערנען יומם ולילה, און מ'דינט דעם אייבערשטן און טוען מצוות, עד כדי כך אז קיינער וועט נישט וויסן על מה אבדה הארץ, ווייל ס'איז נישט געווען א זאך וואס מ'האט נישט געטוהן, נאר איין זאך - 'שלא ברכו בתורה תחילה', מ'האט נישט געדענקט אריינשיינען דעם אייבערשטן אין די עבודה.

די וועלט דערציילט א ווערטל אז אמאל איז א חסיד געקומען צו זיין רבין און ער האט געזאגט 'ביינאכט האב איך גע'חלומ'ט פון אייבערשטן, זאגט איהם די רבי, זיכער! אינדעפרי האסטו געטראכט, וועגן דעם האסטו ביינאכט גע'חלומ'ט, זאגט ער, רבי, ס'קען נישט זיין! כ'האב נישט קיין צייט פון אזוי פיל לערנען און דאווענען, כ'האב נישט צייט אפילו צו טראכטן פון אייבישטן, אינטערסאנט איך האב גע'חלומ'ט ביינאכט פון אייבערשטן ,

### *טראכטן דעם 'תכלית'*

ס'איז טאקע א ווערטל, אבער די נקודה למעשה וואס אונז לערנען ארויס פון די גאנצע זאך, אז מ'מוז זיך אפשטעלן דורכן טאג און טראכטן דעם תכלית, "אויף וואס מאך איך דעם עבודת השם?", טראכטן דעם 'תכלית', אפילו איך האב ביזנעס נאכאנאנד, דארפמען זיך אפשטעלן אויף א פערטל שעה, אויף א האלבע שעה, צו א שעה, און ארויסגיין פון די מצב וואס מ'איז פארנומען א גאנצע טאג, צו דאס איז דער ביזנעס מאן, צו דער ארבעט'ער, צו אפילו דער לערנער, אפשטעלן אויף אביסל צייט, אפשטעלן דעם קוצר רוח די פאריאגטקייט, און די עבודה קשה, ווי די דריי מהלכים וואס די הייליגע אור החיים הק' גייט, צו פון די עבודה קשה איז געווארן א קוצר רוח, צו די קוצר רוח מאכט דעם עבודה קשה, אבער אין איין ווארט, אפשטעלן פון דעם, וועט ער יא קענען הערן אוואו די אייבשטער געפונט זיך אין די בילד, און ער וועט יא קענען הערן דעם משה רבינו וואס ער זאגט 'ר' איד גיי ארויס פון דיין מצרים', גיי ארויס פון דיין גלות וואס דו אליין שטעלסט זיך דארט אריין, "בכל יום ויום חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", מ'קען עס נישט דעגרייכן ווען נישט אויב מ'שטעלט זיך אפ אביסעלע און מ'איז זיך מתבונן, מ'גייט ארויס פון די הויות עולם הזה, מ'גייט ארויס אפילו פון די הויות דאביי ורבא אויף אפאר מינוט, און דאס איז נישט ביטול תורה, דאס איז די קיומה, דאס איז די געדענקען פון אריינשיינען דעם אייבערשטן אין יעדען מינוט.

די אייבישטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן זוכה זיין צו לעבן אין דעם ריכטיג.

**טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'**


**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

**להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות**

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 052-713-5944**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**